פארלאג „די נייע יידישע פאָלקסשול"

# מַעשׂהלאך פון
# עזאָפּ.

איבערדערציילט פון

ש. באסטאָמסקי.

העפט II.

108

ווילנע—1921

דרוקעריי בר. ראָזענטאל, רודניצקער 7.

# אינהאַלט:


פאָזע — — — — — — — — — — — — — — — —
די לייבן און די האָזן — — — — — — — — — — — —
דער פישער און דאָס פישעלע — — — — — — — — —
דער וואָלף און דער אייזל — — — — — — — — —
דער אייזל און דער וואָלף — — — — — — — — — —
דער אייזל און זיינע באַלעבאַטים — — — — — —
דער הונט, דער האָן און דער פוקס — — — —
דאָס בינטל האָלץ — — — — — — — — — — — —
דער לייב, דער פוקס און דער הירש — — — —
דער גנב און זיין מוטער — — — — — — — — — —
דער גזלן — — — — — — — — — — — — — — — —
דער אָרימאַן און דער גער — — — — — — — — — —
דער פאָטער און די טעכטער — — — — — — — —
דער טרעפער — — — — — — — — — — — — — —
דער פוקס אָן דעם עק — — — — — — — — — —
דער קאָמאַר — — — — — — — — — — — — — — —
דער אַלטער און דער טויט — — — — — — — — —
די אַלטע און דער רופא — — — — — — — — — —

# עזאָפּ.

עזאָפּ, דער באַרימטער גריכישער מחבר פון די קלוגע און וויציקע משלים, איז געוועזן אַ קנעכט ביי איינעם אַ רייכן גריך.

איינמאָל האָט דער באַלעבאָס מערדעריש אָנגעשלאָגן עזאָפּן און פאַרטריבן אים פון שטאָט אין אַ מדבר.

עזאָפּס אַ חבר, וואָס האָט געזען ווי מע טרייבט אים, האָט אויסגעשריען מיט רחמנות:

— סאַר אַן אומגליקלעכער ער איז!

— האָסט אַ טעות, ברודער! — האָט עזאָפּ אויף דעם באַמערקט — מיט וואָס בין איך דאָס אומגליקלעכער פון דיר?

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס פאַר אַ גליקן קענסטו געפינען אין אַ מדבר?

— די פרייהייט! האָט עזאָפּ געענטפערט.

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט מען אים אַוועקגעפירט.

---

עזאָפּס חברים האָבן געמיינט, אַז דאָרט, אין דעם מדבר, איז ער געוויס אומגעקומען. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען זיי אַהין אַוועק, כדי צו באַגראָבן זיינע ביינער. צו זייער גרויס וואונדער האָבן זיי אים אָבער געפונען אַ פרישן אַ געזונטן. ער איז געזעסן אונטער אַ בוים און האָט פריינדלעך צו זיי געשמייכלט.

די חברים האָבן אים דערציילט נאָך וואָס זיי זיינען געקומען. עזאָפּ האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און האָט זיי דערציילט די מעשהלע וועגן דעם אַלטן און דעם טויט.

— ווי מיינסטו, האָבן זיי געפרעגט ביי אים — וואָס האָט אָפגעהאַלטן דעם אַלטן? פאַרוואָס איז ער ניט אַוועק נאָכן טויט?

— דאָס חיות פון לעבן און די מאָזאָליעס אויף די הענט — האָט עזאָפּ געענטפערט.

דאַן האָט איינער פון די חברים געזאָגט:

— עזאָפּ, אונז וואונדערט דיין שטענדיקע פריילעכקייט. דו פאַרמאָגסט, דאַכט זיך, קיין זאַך ניט מיט וואָס דער מענטש זאָל זיך קענען פרייען. דיין גוף איז צוהרגעט, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין דיר. דו ביסט מיאוס. די מענטשן לאַכן אָפּ פון דיר און ווילן דיר ניט האַלטן אַפילו פאַר קיין קנעכט. מ׳האָט דיך איצט פאַרטריבן אין אַ מדבר. זאָג, וואָס פאַר אַ שכר האָסטו באַקומען פון די געטער פאַר די אַלע צרות?

אויף דעם האָט עזאָפּ געענטפערט:

— די געטער האָבן מיר געגעבן אַ טייל פון זייער געטלעכן פאַרשטאַנד. זיי האָבן מיר אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די שפּראַך פון די חיות און איבערגעבן עס אויפן מענטשלעכן לשון. דער נאַרישער מענטש קוקט נאָר אויפן אויסזען!

— נו, און דו רעכנסט טאַקע צו באַגראָבן דאָ אין דער וויסטעניש דיין לעבן און אַלע אוצרות פון דיין שכל און פאַרשטאַנד? — האָבן די חברים געפרעגט ביי אים פאַרן אַוועקגיין.

— ניין, חברים, — האָט עזאָפּ געענטפערט — איך וועל גיין אַהין, וואו די מענטשן נויטיקן זיך מער פאַר אַלץ אין אמת און אין חכמה.

— וואוהין איז דאָס? — האָבן די חברים געפרעגט.

— דאָרט, וואו ס׳זיינען פאַראַן אַ סך כהנים, טעמפּלען,

מזבחות; דאָרט, וואו מ׳האָט מער ווי אומעטום געגאַרט די מענטשן.

און ער איז אַוועק קיין ד ע ל ט.

אין דעלט האָט ער אָבער לאַנג ניט פאַרבראַכט. די כהנים האָבן אים אָנגעהויבן צו פאַרפאָלגן דערפאַר, וואָס ער האָט שטענדיק געפריידיקט דעם אמת. ער האָט באַשולדיקט די כהנים אין דעם, וואָס זיי באַרויבן דאָס פאָלק, אַז זיי זיינען פאַלש, ווען זיי ריידן צום פאָלק אין נאָמען פון גאָט.

די כהנים האָבן דאַן אויסגעטראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז ער האָט כלומרשט עפּעס געגנבעט פון טעמפּל, און מ׳האָט אים דערפאַר אַריינגעזעצט אין תפיסה.

עזאָפּ איז אפילו אין דער תפיסה אויך געבליבן מונטער און פריילעך.

דער אויפזעער פון דער תפיסה האָט זיך פּשוט גע־וואונדערט. איינמאָל פרעגט ער ביי עזאָפּן:

— זאָג מיר, וואָס מאַכט דיך דאָ אַזוי פריילעך אין דער פינסטערער תפיסה?

— מיין גערעכטיקייט! — האָט דער חכם געענטפערט.

די כהנים האָבן ניט געלאָזן רוען עזאָפּן אַפילו אין דער תפיסה. זיי האָבן אים פאַרמשפּט אַראָפּצוואַרפן אים פון אַ הויכן פעלז אין ים אַריין.

עזאָפּ איז געגאַנגען שטאַרבן אויך מיט אַ ליכטיקן פּנים.

איינער פון פאָלק האָט ביי אים געפרעגט:

— עזאָפּ, זאָג, וואָס גיט דיר אַזוי פיל כוח? אין אַזאַ מינוט אַפילו פאַלסטו ניט אַראָפּ ביי זיך און קענסט נאָך זיין פריילעך? וואָס האַלט דיך אונטער פאַרן טויט?

עזאָפּ האָט געענטפערט:

— דאָס, וואָס איך בין אומשולדיק, און מיין גאַנצער פאַרגאַנגענער לעבן.

מ׳האָט אים אַראָפּגעוואָרפן פון פעלז און ער איז אומגעקומען.

---

# מעשהלאך פון עזאפ.

## די לייבן און די האָזן.

האָזן האָבן זיך אַמאָל אַרויסגעזאָגט פאַר אַלגעמיינע רעכט.

— „אייערע ווערטער, העזעלאַך, זיינען גאָלד,—האָבן געזאָגט די לייבן — די צרה איז אָבער, וואָס איר האָט ניט אונזערע נעגל און אונזערע ציין“...

## דער פישער און דאָס פישעלע.

אַ פישער האָט פאַרוואָרפן אַ נעץ און געפאַנגען אַ פישעלע.

— לאָז מיך דערוויילע אָפּ אויף דער פריי!—האָט זיך דאָס פישעלע אָנגעהויבן צו בעטן — איצט בין איך נאָך זייער קליין, אָט, אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועט עפּעס ווערט זיין דיין טירחה.

— נאַרעלע—האָט זיך דער פישער אָפּגערופן — אז איך האָב שוין אַ פישל אין האַנט, וועל איך ניט גיין וואַרטן אויף גליקן!...

## דער וואָלף און דער אייזל.

וועלף האָבן אַמאָל אויסגעקליבן ביי זיך אַן אָנפירער. האָט דער אָנפירער אַרויסגעגעבן אַזאַ מין געזעץ: וואָר עס

וועט קריגן שפייז, דער זאָל דאָס גלייך ברענגען אויף אַן אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג און צעטיילן זיך מיט אַלע חברים.

גראָד איז דערביי געשטאַנען אַן אייזל. לאַכט ער זיך פונאַנדער און רופט זיך אָפּ אַזוי: דאָס געזעץ איז טאַקע ריכטיק, אָבער וואָס האָסטו נעכטן באַהאַלטן ביי זיך אין דער נאָרע? ווייזט אויס, אַז דו רעכנסט דאָס אויפצונאַשן אַליין. זיי אַזוי גוט, ברענג דאָס אויך אַהער און צעטייל זיך מיט אַלעמען.

דער וואָלף איז מבולבל געוואָרן.
דאָס געזעץ איז אַזוי אַרום בטל געוואָרן.

## דער אייזל און דער וואָלף.

אַן אייזל האָט אַמאָל פאַרשטאָכן אַ פוס. איז ער געגאַנגען און געהונקען. באַגעגנט ער אַ וואָלף. רופט ער זיך אָפּ צום וואָלף אַזוי:

— וועלוועלע, וועלוועלע, אָך, אָך, אָך! איך שטאַרב אַוועק, באַלד וועל איך אַריינפאַלן צו דיר אָדער צו אַ קאָרשון אויף אַן אָנבייסן. טו מיר אַ געפעליקייט און נעם פריער אַרויס דעם סטריזשען ביי מיר פון פוס. דאַן וועל איך כאָטש שטאַרבן אָן יסורים!

דער וואָלף האָט זיך איינגעטשעפּעט מיט די שאַרפע ציין און אַרויסגעצויגן דעם סטריזשען ביים אייזל פון פוס.

דעם אייזל איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

דערווייל האָט זיך דער וואָלף אויף אַ מינוט פאַרטראַכט.

אין דעם מאָמענט האָט אים דער אייזל דערלאַנגט אַזאַ בריק, אַז ער האָט אים אַרויסגעהאַקט די ציין און צעקוואַשעט דעם נאָז מיטן שטערן.

— אָי, אָי, אָי! — האָט געשריען דער וואָלף:
— רעכט אויף מיר איך בין אַ קצב, און מיטאַמאָל פאַרוועלט זיך מיר זיין אַ שמיד!...

## דער אייזל און זיינע באַלעבאַטים.

אַן אַייזל האָט געאַרבעט ביי אַ סעדער. איז דעם אייזל זייער ניט געפעלן געוואָרן, וואָס דער באַלעבאָס זיינער גיט אים ניט עסן און נויט אים אַ סך צו אַרבעטן.

— שיק מיר צו אַן אַנדער באַלעבאָס! האָט זיך דער אייזל געבעטן ביי זעווסן*).

זעווס איז אין כעס געוואָרן אויפן אייזל און ער האָט אים צוגעשיקט אַ נייעם באַלעבאָס — אַ טעפּער.

ביים טעפּער אָבער האָט דער אייזל געהאַט נאָך מער אַרבעט. ס׳פלעגט אים אויסקומען כסדר צו שלעפּן שווערע ליים. און ער האָט זיך ווידער אָנגעהויבן צו באַקלאָגן זעווסן אויפן מזל:

— שיק מיר צו אַן אַנדער באַלעבאָס!

דאַן האָט אים זעווס געהייסן פאַרקויפן צו אַ שינדער.

דער נייער באַלעבאָס איז געווען נאָך ערגער פאַר די פריערדיקע.

אַז דער אייזל האָט דערזען, וואָס דער נייער באַלעבאָס טוט, האָט ער אָנגעהויבן צו שרייען:

„אַן אומגליק האָט מיר געטראָפן! בעסער וואָלט איך שוין געדינט ביי די אַלטע באַלעבאַטים. דער איצטיקער באַלעבאָס מיינער, ווי איך זע, וועט נאָך אַראָפּשינדן פון מיר די פעל“.

---

*) גאָט ביי די אַמאָליקע גריכן.

## דער הונט, דער האָן און דער פוקס.

אַ האָן האָט זיך אַמאָל באַפריינדעט מיט אַ פוקס און זיי האָבן זיך ביידע צוזאַמען אַוועקגעלאָזן רייזן איבער דער וועלט.

אַז ס׳איז געוואָרן פינסטער, איז דער האָן אַרויפגע-לאָפן נעכטיקן אויף אַ בוים און דער הונט האָט זיך געלייגט אויף דער ערד אונטערן בוים.

ביינאַכט האָט דער האָן אַ קריי געטאָן. דעם קריי האָט דערהערט אַ פוקס. איז ער צוגעלאָפן צום בוים און האָט זיך אַזוי אָפּגערופן צום האָן:

— קום אַראָפּ אַהער, דו שיינער זינג-פויגל, מיר ווילט זיך זייער באַקאָנען מיט דיר!

— וועק פריער אויף מיין שומר! ער וועט דיך אַרויפלאָזן צו מיר, — האָט אים געענטפערט דער האָן — ער שלאָפט דאָ אונטערן בוים.

— העי, שומר! — האָט דער פוקס אויסגעשריען.

דער הונט איז אויפגעשפרונגען און האָט צעריסן דעם פוקס.

## דאָס בינטל האָלץ.

עטלאַכע מענטשן האָבן אַמאָל געשפּאַצירט אויפן ברעג ים. דערזעען זיי פון ווייטן, ווי עס שווימט עפּעס אויפן וואַסער.

— דאָס מוז אַוודאי זיין אַ גרויסע שיף! — ריידן זיי צווישן זיך און שטעלן זיך אָפּ וואַרטן ביז וואַנען די שיף וועט וואַרפן דעם אַנקער.

דערווייל האָט דער ווינט געטריבן די זאַך אַלץ נענטער און נענטער צו זיי.

— דאָס איז ניט קיין שיף, נאָר אַ שיפל.—איז געבליבן בײ זײ אַ ביסל שפּעטער.

נאָר אָט איז די זאַך צוגעשוואומען צום ברעג און זײ האָבן דערזען אַ בינטל האָלץ.

— ס׳האָט, כלעבן, גאָר ניט געלוינט צו פּטרן אויף דעם אַזוי פיל צייט!

## דער לייב, דער פוקס און דער הירש.

אַ לייב איז קראַנק געוואָרן און האָט זיך אַוועקגע־לייגט אין זיין נאָרע.

— אויב דו ווילסט, אַז איך זאָל געזונט ווערן—רופט ער זיך אָפּ צו זיין גוטן פריינד דעם פוקס — מאַך עפּעס אַ שפּיצל און נאַר אַריין צו מיר פון וואַלד אַ הירשל, אָבער זע, ניט קיין קליינינקן!

דער פוקס איז אַוועק אין וואַלד און האָט באַגעגנט אַ הירש.

— אַ גוט־מאָרגן דיר! — זאָגט דער פוקס צום הירש— איך האָב פאַר דיר אַ גוטע בשורה! דו האָסט נאָך ניט געהערט די נייס? דער קייסער אונזערער, דער לייב, איז געפערלאַך קראַנק און האַלט ביים שטאַרבן. לאָזט אים ניט רוען דער געדאַנק — ווּעמען פון די חיות זאָל ער איבער־לאָזן אויף זיין אָרט. דער חזיר האָט אַ גראָבן קאָפּ, דער בער איז פויל, דער לעמפּערט איז צו בייז, דער טיגער איז אַ גרויסער אויספיינער... איז געבליבן ביי אים, אַז דער הירש זאָל בלייבן קייסער. דער הירש איז שיין, האָט פיי־נע הערער, לעבט לאַנג... מילא, וואָס האָבן מיר דאָ לאַנג צו ריידן. אויף דיר איז געפאַלן דער גורל צו טראָגן די

קרוין!... וואָס וועסטו מיר געבן דערפאַר, וואָס איך האָב דיר דער ערשטער אָנגעזאָגט די גוטע בשורה?...

אָי, אָי, איך האָב גאָר קיין צייט ניט! מע מוז מיך שוין לאַנג זוכן, איך בין דאָך ביים לייב די רעכטע האַנט. האָט זיך דער לייב מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטאָן — הער, אפשר וואָלסטו אויך אַריינגיין צו אים אויף אַ ווײַלע, אָנקוקן אים פאַרן טויט?...

פון דידאָזיקע רייד האָט זיך ביים הירש פאַרדרייט דער קאָפּ. ער האָט גאָרניט אויסגערעכנט אויף דער געפאַר, וואָס האָט געוואַרט אויף אים, און ער איז אַוועק צום לייב אין הייל אַריין.

ווי נאָר דער הירש איז אַריין אין הייל, האָט זיך דער לייב גלייך אַ וואָרף געטאָן אויף אים. אָבער פון גרויס אײַלעניש האָט זיך אים אײַנגעגעבן נאָר אַ גראַבל צו טאָן ביים הירש אַן אויער. דער הירש האָט זיך מיטן גאַנצן אימפעט אַרויסגעריסן פון הייל און איז אַוועקגעלאָפן אין וואַלד אַריין.

דעם פוקס טירחה איז פאַרלאָרן געגאַנגען. פאַר הונגער און פון פאַרדראָס האָט דער לייב שטאַרק אָנגעהויבן צו ברומען.

— פרוב, אפשר וועט דיר אָפּגליקן אַ צווייטן מאָל — האָט ער זיך געבעטן ביים פוקס — אפשר וועסטו אים ווי־דער אַריינגנאַרן.

— אַ שיינע שטיקל אַרבעט גיסטו מיר אויף — האָט געזאָגט דער פוקס — נאָר פאַר דיר בין איך גרייט אַלץ צו טאָן!

און ער איז אַוועק נאָך דעם הירשס שפורן און האָט אים געפונען. דער הירש איז געלעגן אין זיין נאָרע און האָט זיך גערוט.

דער פוקס איז אַריין צו אים

דערזען אים, איז דער הירש בייז געוואָרן און האָט

אָנגעהויבן צו שרייען:—אַוועק דו, ליגנער איינער! געננוג פאַרדרייען אַ מוח. גיי ניט צו נאָענט, וואָרום איך לייג דיר אַוועק אויף אַן אָרט! גיי, פיר פאַר דער נאָז די יונגע, מאַך זיי פאַר קייסאָר׳ם, פאַרדריי זיי דעם קאָפּ! פון מיר אָבער גיי אַוועק!...

— דו פחדן פון די פחדנים! ווי שעמסטו זיך דאָס ניט צו וואַרפן אַ חשד אויף אונז, אויף דיינע פריינד?... האָט דער פוקס געגומען טענהן: אמת, דער לייב האָט דיר אַ ריר געטאָן ביים אויער, דו האָסט אָבער ניט פאַרשטאַנען וואָס ער מיינט. ער האָט דאָך דיר געוואָלט אַן עצה געבן פאַרן טויט, ווי אַזוי דו זאָלסט פירן די גרויסע מלוכה...

איצטער איז שלעכט, ער איז אויף דיר זייער בייז און וויל אַרויפזעצן אויפן טראָן דעם וואָלף...

— אי! אי! אי! וואָס פאַר אַ שלעכטן קייסער מיר וועלן האָבן!... פאָלג מיך, סאיז נאָך ניט שפעט, גיי נאָכ־אַמאָל אונטער צו אים, האָב קיין מורא ניט, איך שווער זיך מיט דיביימער און מיט די קוואַלן פון וואַלד, אַז ער וועט דיר קיין שלעכטס ניט טאָן. איך וועל זיך פאַר דיר אָננעמען!

אָט אַזוי האָט דער פוקס איבערגערעדט דעם הירש און יענער איז מיט אים ווידער אַוועק צום לייב.

דעם מאָל האָט אים שוין דער לייב קיין לעבעדיקן ניט אַרויסגעלאָזן. ער האָט אים צעריסן אויף שטיקלאַך און גע־נומען זיך פלייסיק צו דער אַכילה. דער פוקס איז געשטאַ־נען פון ווייטן אין אַלץ געוואַרט אויף אַ חלק. דער לייב האָט גאָר פאַרגעסן אָן אים. דערזען, אַז ס׳איז שוין קנאַפּ וואָס געבליבן, האָט דער פוקס צוגעשאַרט צו זיך דעם הירשס מאַרך און עס אויפגעגעסן, כדי כאָטש וואָס ניט איז באַ־קומען פאַר דער טירחה. דער לייב האָט דאָס ניט באַמערקט.

נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט אים דער מאַרך, און ער האָט עס גענומען זוכן.

דער פוקס האָט זיך געשטעלט פון ווייטן און זיך אָפּגערופן: האָסט ניט וואָס צו זוכן! דער הירש האָט קיין מאַרך ניט געהאַט! וואָס פאַר אַ מאַרך קען האָבן אַזאַ נפש, וואָס איז צוויי מאָל אַליין געקראָכן צום לייב אין נאָרע אַריין און האָט זיך אַליין איבערגעגעבן צו אים אין די לאַפּעס?...

## דער גנב און זיין מוטער.

אַ יינגל האָט געגנבעט אין שול ביי זיינעם אַ חבר אַ שיפער־טאָוול און האָט עס געבראַכט צו דער מוטער. די מוטער האָט אים ניט באַשטראָפט פאַר דער גנבה און דערפאַר נאָך אַ גלעט געטאָן אים איבערן קעפּעלע.

אַ צווייטן מאָל האָט ער צוגעגנבעט אַ מאַנטל און די מאַמע האָט אים נאָך מערער געלויבט. די צייט איז געגאַנגען און דאָס יינגל איז געוואָרן אַן אמתער גנב.

איינמאָל האָט מען אים געכאַפּט ביי אַ גרויסער גנבה און פאַרמשפט צום טויט.

אַז מ׳האָט אים געפירט צו דער הריגה, איז אים נאָכגעגאַנגען די מוטער און האָט זיך געשלאָגן אין האַרצן.

— מאַמינקע, איך וויל דיר עפּעס זאָגן אַ סוד. האָט זיך דער גנב אָפּגערופן צו איר.

זי איז צוגעגאַנגען צום זון. דאַן האָט ער איר אָנגעכאַפּט מיט די ציין פאַרן אויער און האָט אים אַראָפּגעביסן.

— נידערטרעכטיקער! האָט די מאַמע אויסגעשריען.

דער גנב האָט איר אָבער געענטפערט — ווען דו וואָלסט מיר דאַן באַשטראָפט בעת איך האָב צום ערשטן

מאָל געגנבעט דעם שיפער־טאָוול, וואָלט איך ניט געקומען צו דער איצטיקער לאַגע.

## דער גזלן.

אַ גזלן האָט אַמאָל געהרגעט אַ מענטשן און איז אַנטלאָפן געוואָרן. געלאָפן איז ער פאַזע ברעג פון טייך נילוס. דעם געהרגעטנס קרובים האָבן אים נאָכגעיאָגט. ס׳איז אים אָבער שווער געווען צו כאַפּן. מיטאַמאָל לויפט אָן אַנטקעגן אים אַ טיגער. דער גזלן האָט זיך דערשראָקן, איז אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און האָט זיך באַהאַלטן צווישן די צווייגן. פּלוצלונג דערזעט ער איבער זיך אַ שלאַנג. האָט ער זיך דאַן אַריינגעוואָרפן אין טייך. דאָרט האָט אים אָבער געכאַפּט און. אויפגעפרעסן אַ קראָקאָדיל.

## דער אָרימאַן און דער געץ.

אַן אָרימאַן אַ געצנדינער האָט געהאַט אַ הילצער־נעם געץ.

— מאַך מיך פאַר אַ גביר! — האָט זיך כסדר געבעטן דער אָרימאַן ביים געץ.

קיינע תּפילות האָבן אָבער ניט געהאָלפן און דער אָרימאַן איז נאָך אָרימער געוואָרן.

דאַן איז ער אין כּעס געוואָרן, האָט געכאַפּט דעם געץ פאַר אַ פוס און האָט אים אַ זעץ געטאָן אָן וואַנט.

דער געץ איז צעשפּרונגען געוואָרן אויף פּיצלאַך און ס׳האָבן זיך פון אים אַרויסגעשאָטן אַ סך רענדלאַך.

דער גליקלאַכער קבצן האָט צונויפגעקליבן די רענד־לאַך און אַזוי זיך אָפּגערופן צום געץ:

— נאַרישער גאָט! ווען איך האָב געהאַלטן פון דיר,

האָסטו מיך ניט געהאָלפן, און, אַז איך האָב דיר אַ שליידער געטאָן אָן וואַנט, האָסטו מיר צוגעשיקט אַזאַ גליק!

## דער פּאָטער און די טעכטער.

אַ פּאָטער האָט געהאַט צוויי טעכטער. האָט ער די עלטערע אויסגעגעבן פאַר אַ גערטנער און די יינגערע פאַר אַ טעפּער.

איינמאָל קומט דער פּאָטער צו דער עלטערער טאָכטער צו גאַסט און פרעגט ביי איר, וואָס זי מאַכט, ווי ס׳גייען ביי איר די געשעפטן.

— ס׳איז אונז גאַנץ גוט! ענטפער זי אים:

— איין זאַך נאָר פאַרלאַנגען מיר: ס׳זאָל גיין וואָס מער רעגן! אונזערע גרינס האַלט אין וואַקסן!

נאָכדעם איז דער פּאָטער אַוועק צו דער יינגערער טאָכטער זיינער.

— וואָס מאַכסטו? — פרעגט ער ביי איר—ווי לעבט זיך?

— ניט צו פאַרזינדיקן—ענטפערט זי — איין זאַך נאָר פאַרלאַנגען מיר — ס׳זאָלן קיין רעגנס ניט גיין און ס׳זאָל וואָס העלער לייכטן די זון: מיינע טעפּ טריקענען זיך!

— וואָס טוט מען? פאַר וועמען בעט מען? האָט דער פּאָטער געפרעגט: דו, מיין טאָכטער, ווילסט, אַז קיין רעגן זאָל ניט גיין. און דיין שוועסטער בעט פאַרקערט, אַז רעגן זאָל גיין וואָס מער!...

## דער טרעפּער.

אַמאָל איז אַ טרעפּער געזעסן אויף אַ פּלאַץ און האָט אַלעמען פאָרויסגעזאָגט די צוקונפט. מיטאַמאָל איז איינער געקומען צו אים און האָט אים אָנגעזאָגט: „אַלע

פענסטער פון דיין דירה זיינען אָפן, מ׳האָט ביי דיר אַרויסגענומען אַלץ, וואָס דו האָסט געהאַט!“

דער טרעפער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, האָט געמאַכט אַ גוואַלד, און איז ווי אַ אונטערגעשאָסענער אַנטלאָפן אַהיים.

האָט איינער דערזען, ווי ער לויפט אַזוי, און אים נאָכגעשריען: „ווי אַזוי נעמסטו זיך דאָס אָן פאַרויסצוזאָגן אַנדערע די צוקונפט, ווען דו ווייסט ניט וואָס מיט דיר אַליין קען זיין?“

## דער פוקס אָן דעם עק.

אַ פוקס איז אַריינגעפאַלן אין אַ נעץ. האָט ער זיך גענומען רייסן און האָט זיך פון דאָרט סוף־כל־סוף אַרויס־געריסן. איין צרה נאָר—ער איז פאַרבליבן אָן אַן עק. פאַר שאַנדע האָט זיך דער פוקס קיין אָרט ניט געפונען. דאַן האָט ער באַשלאָסן פאָרצולייגן אַלע פוקסן אַראָפּצוהאַקן זיך די עקן. דעמאָלט וועט ניט זיין פאַר וועמען זיך צו שעמען.

ער האָט צונויפגעקליבן אַלע פוקסן און צו זיי אַזוי געזאָגט:

חברים, האַקט אַראָפּ ביי זיך די עקן, ס׳איז אַ קנאַפּער צירונג און דערצו נאָך אַ משא!

— איצט דאַרפסטו משמעות אַזוי ריידן — האָבן אים די איבעריקע פוקסן געענטפערט — ווען דו וואָלסט האָבן אַן עק, וואָלסטו אַנדערש גערעדט!

## דער קאָמאַר.

אַ קאָמאַר איז צוגעפלויגן צו אַ לייב און זאָגט צו אים אַזוי:

— איך האָב פאַר דיר קיין מורא ניט! איך בין שטאַרקער פאַר דיר! איך בין גרייט זיך צו ראַנגלען מיט דיר!

און ער איז אָנגעפאַלן אויפן לייב, געכומען אים בייסן אין די אָנהאָריקע ערטער, לעבן די נאָזלעכער.

דער לייב האָט אים תחילת אָפּגעטריבן מיט דער לאַפּע, נאָר דער קאָמאַר האָט זיך ווידער געזעצט און איז ניט אָפּגעטראָטן.

דער סוף איז געווען, אַז דער לייב איז געבליבן אָן כּוחות. דער קאָמאַר האָט אים מנצח געווען.

זינגענדיק און טאַנצנדיק איז דער קאָמאַר אַוועקגע-פלויגן.

אָבער פליענדיק האָט ער זיך מיטאַמאָל פאַרפּלאָנ-טערט אין אַ שפּינוועבס און האָט זיך פון דאָרט בשום-אופן ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן.

— ווײ איז מיר! — האָט דער קאָמאַר ביטער גע-קלאָגט בשעת דער שפּין האָט געזויגן זיין בלוט — איך האָב מנצח געווען דעם שטאַרקסטן פון די חיות און קען גאָרנישט מאַכן מיט דעם מיאוסן שפּין!...

## דער אַלטער און דער טויט.

איינמאָל האָט אַן אַלטער מאַן אָנגעהאַקט אין וואַלד אַ בינטל האָלץ, אַרויפגעוואָרפן עס אויפן פּלייצע און גע-טראָגן אין שטאָט אַריין. די משא איז געווען זייער אַ שווערע. דער וועג איז געווען אַ ווייטער און דער אַלטער האָט זיך שטאַרק אויסגעמאַטערט.

האָט ער אַראָפּגעוואָרפן די האָלץ אויף דרערד און גענומען רופן אויף זיך דעם טויט.

באַלד איז דער טויט געקומען און געפרעגט:

— וואָס רופסטו מיך?

— זײ אַזוי גוט און דערלאַנג מיר מיין בינטל האָלץ אויפן פּלייצע! — האָט דער אַלטער געענטפערט.

# די אלטע און דער רופא.

אַן אַלטע פרוי איז קראַנק געוואָרן אויף די אויגן, האָט זי גערופן אַ רופא און האָט אָפּגעמאַכט מיט אים אַזוי: ווען ער זי אויסהיילן, וועט זי אים גוט באַפרידיקן, אויב ניט — וועט זי אים גאָרנישט ניט געבן.

דער רופא האָט איינגעשטימט און גענומען איר שמירן די אויגן מיט עפּעס אַ זאַלב. די אַלטע האָט אַ גע־היסע צייט געמוזט האַלטן די אויגן פאַרמאַכט, דערווייל האָט זי ניט געזען, ווי דער רופא שלעפּט ביי איר ביסלאַכווייז אַרויס איר גאַנצע גוטס.

אַז די אַלטע איז געזונט געוואָרן, האָט דער רופא געבעטן ביי איר די צוגעזאָגטע באַלוינונג. די אַלטע האָט זיך גענומען אַרומקוקן און האָט קיין זאַך פון אירע חפצים ניט געפונען.

— איך האָב דיר ניט וואָס צו געבן, האָט זי געזאָגט צו אים.

דער רופא האָט איר דאַן אָוועקגעפירט צום ריכטער.

— מיר האָבן טאַקע אמת אַזוי אָפּגעמאַכט, האָט די אַלטע געטענעט פאַרן ריכטער — אַז איך וועל געזונט ווערן, זאָל איך אים באַצאָלן און אויב ניט — זאָל איך אים גאָרנישט ניט געבן. איך רעכן אָבער, אַז איך בין נאָך קראַנק.

— וואָס הייסט? האָט זיך דער דאָקטאָר אָפּגערופן — מ׳קען פרעגן ביי אַנדערע דאָקטוירים.

— איך דאַרף ביי קיינעם ניט פרעגן — האָט די אַלטע געזאָגט, איך ווייס מער ניט איין זאַך—אַז איך האָב געליטן אויף די אויגן, האָב איך געזען ביי זיך אַ סך חפצים, איצטער, אַז איך בין שוין לויט זיין מיינונג געזונט, זע איך קיין זאַך ניט...

דער פאַרלאַג „די נייע יידישע פאָלקסשול“ האָט שוין
אַרויסגעגעבן פאָלגנדיקע ביכער:

## א) לערנביכער:

1. אילוסטרירטער אַריטמעטישער רעכנבוך (פאַרן 1-טן לערניאָר) באַארבעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי. (2 אויפלאַגעס)

2. אריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער הונדערט) באַא־בעט לויט שטעקלין און אַנדערע פון ש. באַסטאָמסקי.

3. אַריטמעטישער רעכנבוך (ערשטער טויזנט) פון ש. באַסטאַמסקי. (5 אויפלאַגעס)

4. אַריטמעטישער רעכנבוך (פלערליי צאָלן). פון ש. באַסטאַמסקי. (4 אויפלאַגעס)

5. אַ־יטמעטישער רעכנבוך (ברוכצאָלן) פון ש. באַסטאַמסקי און ל. הורוויץ. (4 אויפלאַגעס) מיט א ביילאגע פון דער טערמינאלאגיע פון אריטמעטיק אויסגעארבעט כון א קאמיסיע ביי דער ווילנער יידישער לערער־געזעלשאַפט.

6. ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן—„לעבעדיקע קלאַנגען א רייך־אילוסטרירטער א"ב

7. „לעבעדיקע קלאַנגען“. כרעסטאָמאַטיע פאַרן ערשטן לערניאָר
די „לעבעדיקע קלאנגען“ זיינען באשטעטיקט פון א קאָמיסיע לערער ביים ווילנער צ. ב. ק.

אינניכן ערשײַנט—„לעבעדיקע קלאַנגען“— כרעסטאמאטיע פאַרן 2-טן לערניאר. פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

„דער נייער לערער“—זאמלונג פון שריפטלאכע איבונגען ווי אזוי אויסצולייגן די געדאנקען.

אַריטמעטישער רעכנבוך—לעצטער טייל (פראָצענטן, דיסקאָנט, דרייפללי א. א.)

מעטאָדישע אָנווייזונגען צו „די לעבעדיקע קלאַנגען“ מיט א פרווו־פראָגראַם פון יידיש פאַר דעם 1-טן לערניאָר.

## ב) ביכער פאר קינדער:
פון ש. באסטאָמסקי

**פאר יינגערע:**

1) יעקעלע נאַר. 2) יודע דער וואַסערטרעגער און זיינע מעשיות 3) מוזל. 4) צוויי מתנות. 5–6 א) דער נס. ב) דער צדיק. 7) דער בוים און דער ווינט. 8) יינגל–צינגל. 9) די אמתע כלה. 10) דריי מענטשעלאך 11) קארוזא. 12) דער ליגנער. 13) די נאשערקע. 14–15) מעשה׳לאך פון עזאפ (2 העפטן). 16) כישופמאכער און זון. 17) גיובערהאָפען. 18) דער פארשלאָסענער קאסטן. 19) לעגענדעס פון אמאָל. 20) דער קונדס (זאמלונג פון רעטענישן, רעבוסן, אויפגאבן א. א.).

**פאר עלטערע:**

1) פריטיאף נאַנסען און זיין רייזע צום צפונדיקן פאָלוס (אילוסטרירט). 2) אין דער נאַכט פון בדיקת חמץ 3) י. ל. פרץ (זאַמלבוך). 4) דייוויד ליווינגסטאָן, זיין לעבן און זיינע רייזעס איבער אפריקע. 5) הענרי סטענלי און זיינע רייזעס. 6) ווי אזוי קאלומבוס האָט אנטדעקט אמעריקע (אילוסטרירט) 7) זאלין. 8) מרדכי אַנטאָקאָלסקי ביאָגראַפיע (רייך אילוסטרירט)

**קינדערפיעסעס:**

1) פרילינג קומט! פאנטאסטישע קינדער־פיעסע אין 2 אקטן מיט געזאנג און טענץ.

## ג) מאטעריאל צום יידישן פאלקלאר:

1. יידישע פאָלקסרעטענישן. (2 אויפלאגעס)
נעזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

2. זאמלונג פון יידישע שפריכווערטער פאר שול און פאמיליע

3) „ביים קוואל“ צוויפנעשטעלט פון ש. באסטאמסקי.
יידישע שפריכווערטער. ווערטלאַך
רעדנסאַרטן, פאַרגלייכענישן, ווינטשעונישן, ברכות, שבועה
קללות, הרמות, סימנים, סגולות, און זאַבאַבאָנעס.
נעזאמלט און דערקלערט פון ש. באסטאמסקי.

4) „ביים קוואַל“ II באנד: יידישע פאָלקסלידער
געזאמלט פון ש. באסטאָמסקי.

---

מיט באשטעלונגען זיך ווענדן לויטן אדרעס: ווילנע סטעפן נאָס 28,11,24